# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות כי תשא - ויקהל תשפ"ו ◆ עלון מס': 183

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### חזקו ואמצו - אין יעדן מצב

איינס פון די לשונות וואס דער רבי נוצט אין דער שער הבטחון איז דיווארט 'תוחלת'.

וואס טייטש 'תוחלת'? היינט וועלן מיר זיך באקענען מיט דער ווארט און מיט דער געדאנק וואס ליגט דערונטער פון דעם ווארט.

מערערע לשונות געבן ארויס האפענונג. עס איז דא דער ווארט 'ציפייה', עס איז דא דער ווארט פון 'קוה' אבער דער 'תוחלת' געבט ארויס א שטארקער געדאנק.

עס געבט ארויס דער מצב ווען א מענטש געפינט זיך אין א מצב פון האפענונג, פון אויסקוק, ער קוקט אויס אויף א ישועה, ער לעכצעט נאך אביסל לעכטיגקייט, נאך א שיין, וואס זאל באלייכטן די פינסטערניש אין וואס ער געפינט זיך, ער בענקט נאך שפע, נאך גוטסקייט.

א ברייטערע ערקלערונג איבער דאס ווארט קען מען טרעפן אין דער פסוק אין תהלים פרק לא, דארט ווערט אויך אראפגעברענגט די ווארט 'תוחלת'.

דוד המלך רעדט צו דעם איד און זאגט אים: חזקו ויאמץ לבבכם - שטארקט זיך - כל המיחלים לה' - די אלע וואס זענען מייחל לה'.

דער רבי אין חובת הלבבות ברענגט אראפ דעם פסוק אין שער חשבון הנפש [פרק ג' חשבון כ"ז] ווען ער רעדט ארום איבער די חשבון וואס א איד דארף צו מאכן אנצוקומען צו די בטחון אבער ווען מ'כאפט א נענטערע בליק אין דער קאפיטעל און מ'ליינט וואס דוד המלך דערציילט ביז אהין, זעט מען וואס דוד המלך איז אריבער ביז אהין, איידער ער זאגט ארויס דער פסוק 'חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה'.

אין די פריערדיגע שורות פון דער מזמור רעדט דוד המלך ארום איבער אלע צרות וואס ער איז אריבער ביז דאן, און דרוקט זיך אויס מיט אלע ערליי לשונות ארויסצוגעבן זיין פיינפולע איבערלעבעניש ביז דאן.

צווישן אנדערע נוצט ער די לשונות "צר ליי", "כלו ביגון חיי", "הייתי חרפה", "זממו לקחת נפשי"...

עס איז ידוע אז דוד המלך האט געבעטן פון הקב"ה אז זיין ספר זאל זיין שוה לכל נפש פאר יעדן איד, אז אין יעדער מצב, ווען א איד איז אנגעוויזן אין א ישועה, אין חיזוק, זאל ער עס קענען ארויסנעמען פון די תהלים, און אויך דא האט ער גענוצט די געבעט און געשטארקט יעדן איד אין זיין מצב.

ווער דארף חיזוק? ווער דארף א קלאפ אויפ'ן פלייצע פון איינער וואס זאגט אים שטארק זיך! ווען מען זעט א יונגער מענטש ארויפשפרינגען הויכע שטאקן? פאלט קיין איינעם נישט איין צוזאגן פאר דעם איד שטארק זיך! האלט זיך! אבער ווען מ'זעט א מענטש וואס שלעפט זיך, ער גייט אט אט אונטערברעכן - פאר אזא איינער זאגט מען יא שטארק זיך! גיי אן, האלט זיך, און צו זיי רעדט דוד המלך.

דוד המלך רעדט צו די אידן וואס זענען אריבער היינט א שווערע טאג - צו א איד וואס מען האט נישט אנגענומען זיין זון אין ישיבה נאכ'ן זיך אנגעבן אין דריי ישיבות, אדער ווער עס קוקט אויס אויף א שידוך און מען האט אים היינט אפגעזאגט עטליכע הצעות - צו אזעלכע אידן רעדט דוד המלך און שטארקט זיי, צו זיי שעפשעט ער און זאגט זיי, חזקו שטארקט אייך! גייט אן, ווייל ענדע וועט ווערן ליכטיג, עס איז דא האפענונג, קץ שם לחושך, די פינסטערניש האלט נישט אן אויף אייביג, עס וועט נאך איין טאג ווערן ליכטיג.

א שטיקל חיזוק אויף די מצבים איז די התבוננות אז די הנהגה פון הקב"ה איז אמת, אז יעדער זאך איז מיט א חשבון. עס איז דא א טייערע געדאנק פון דער חפץ חיים, ער זאגט אז משל למה הדבר דומה, צו א מענטש וואס האלט אין זיין האנט א זיגל. ווען מען האלט די זיגל אין די האנט זענען אירע אותיות פארקערט, אבער ווען מען זיגלט איר אויפ'ן פאפיר - זעט מען אז זי איז גוט און ריכטיג, ווייל חותמו של הקב"ה אמת.

אין אנהייב זעט אויס דער מצב פארדרייט, אבער ענדע קלארט זיך עס אויס, מען זעט מיט א גראדקייט און מיט א ליכטיגקייט ווי אלעס איז ריכטיג.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זוכה זיין צו זען דעם אמת און זיך שטארקן אין יעדן מצב.

(ארויסגענומען פון שיעור 412 אין שער הבטחון)

## די וועכענטליכע השגחה

### איראן - ג' ת"ד • ה' תשפ"ו

אט אט גייט כלל ישראל פראווענען דעם הייליגן יום טוב פורים! ווי וואונדערליך איז עס - אלעס חזר'ט זיך איבער.

אין יאר ג' אלפים ת"ד האט דער איראנער המן געוואלט אומברענגען די אידן און היינט - אדר ה' תשפ"ו - זיצט זיך א המן אין איראן און שרייט די זעלבע זאך ווי דער אמאליגער המן, ער שרייט אויס להשמיד, להרוג ולאבד.

דער אמאליגער המן האט איינגעלייגט גרויסע כוחות אומצוברענגען דעם איד, ער האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער פאר דעם צוועק, אבער וואס עס איז געשען מיט אים ווייסן מיר אלע, ער האט געהאט א מיאוס'ע סוף, און מיר, די אידן, האבן פארדינט א לעבעדיגע און א לוסטיגע יום טוב, די פריילעכסטע יום טוב פון יאר.

א יום טוב פול מיט מצוות, א מקרא מגילה, מתנות לאביונים, משתה ושמחה און אויך משלוח מנות, אלעס וואס קען נאר זיין אין איין טאג, א זכר צו דעם גרויסן נס וואס הקב"ה האט געמאכט מיט אונז דאן.

פורים איז א זמן שמחה, מען פרייט זיך אין איר, מער ווי אין יעדן יום טוב.

פארוואס טאקע? פארוואס מאכט מען אזא שמחה אין דעם טאג? כלל ישראל האט במשך די דורות געהאט אסאך ניסים, מה נשתנה דעם יום טוב מער ווי אלע ימים טובים?

דער אלשיך הק' געבט עס צו פארשטיין. ער זאגט אז עס איז דא צוויי סארט ניסים. עס איז דא א נס ווען הקב"ה איז משנה די טבע, דער נאטור פון א הונגעריגע לייב איז צו פארצוקן יעדן מענטש, אבער חנניה מישאל ועזריה גייען אריין לעבעדיג אין גרוב אריין און זיי קומען ארויס גאנץ, די טבע פון דער ים איז ער זאל פליסן אבער פלוצלונג געבט ער זיך א שפאלט אין צוויי און ער ווערט טרוקעניש, אבער עס איז דא נאך א גרעסערע נס, די גרעסערע נס איז ווען הקב"ה נעמט אוועק די בחירה פון א איד און טוישט עס ארום מקצה אל הקצה.

דער בורא כל העולמים האט איינגעלייגט אין די טבע אז דער מענטש זאל האבן א בחירה, און דער אוועקנעמען די בחירה פון א מענטש איז די גרעסטע נס וואס עס קען נאר זיין.

דער בורא כל העולמים האט געגעבן פאר אחשורוש די כח צו קענען חתמ'נען א בריוו מאבד צו זיין עם ישראל, און די ישועה איז נישט געקומען דורך א הימלישע וועג, נאר דורך אחשורוש אליין, דורך וואס ער האט מיט זיין באקומענע בחירה געטוישט זיין מיינונג און צוריקגעצויגן פון זיין החלטה, ער האט פארלוירן זיין בחירה און דאס איז א גרעסערע נס ווי אלע אנדערע ניסים און ווייל די נס איז אזוי גרויס - איז די שמחה אויך אזוי גרויס.

דא, ביי די נס פון פורים, האט הקב"ה געוויזן פאר זיין באליבטער עם סגולה, אז יא, איך האב טאקע געגעבן פאר דעם מענטש די בחירה, אבער ווען עס קומט צו מציל זיין כלל ישראל וועל איך גיין אזוי ווייט ווי מהפך זיין די טבע און ארומטוישן די בחירה פון א מענטש לטובה.

און וועגן די אויסטערלישע אהבה וואס הקב"ה האט מגלה געווען פאר'ן כלל ישראל איז די שמחה אזוי גרויס.

*

ווי אזוי טאקע האט כלל ישראל זוכה געווען צו אזא גרויסער נס? די תשובה איז איין ווארט, אמונה!

דער רבוש"ע האט אונז געוויזן אז די נס קומט צו גיין פון אמונה, נישט סתם אן אמונה, נאר א בלינדע אמונה.

דער אלשיך הק' זאגט אז מרדכי הצדיק האט זיך אייביג אויפגעשטעלט פאר המן הרשע, אבער יענער מאל האט ער באשלאסן אז מער גייט ער זיך נישט בוקן פאר המן.

מרדכי הצדיק, מיט זיין קדושה, האט געשפירט ביי זיך אז עס איז געקומען די צייט צו גיין מיט די אמונה ביז'ן סוף, אן קיין שום פחד, ער האט זיך נישט מתייחס געווען צו המן און דאס האט דער רשע מרגיש געווען און עס נישט געקענט אראפשלינגען מער.

דאס האט געברענגט די ישועה, אז מען איז פטור געווארן פון דער צורר היהודים אויף אייביג, ווייל אז מ'גייט מיט אמונה, מיט א בלינדע אמונה, קעגן די שכל, קומט מען אן צו די דרגה, אז מען קען לויז ווערן פון אזא רשע ווי המן הרשע אויף אייביג.

**א גוט שבת**
**פינחס שפר**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער אמת'ער דאקטאר האט געהאלפן

אין א גוטע שעה איז געבוירן געווארן ביי אונז א זיסער און א לעבטיגער קינד. נאכ'ן אפנעמען די מזל טוב האט דער דאקטאר אונטערזוכט דאס קינד.

ווי ביי די פריערדיגע קינדער האבן מיר זיך געגרייט אז דער דאקטאר זאל מאכן זיין רוטינע אונטערזוכונג און אונז באפרייען, אבער דאסמאל האט דער דאקטאר אונז גערופן אין א זייט און מיט א באזארגטע מינע אונז איבערגעגעבן זיין דיאגנאז.

"מיר האבן א זארג אז דאס קינד זעט נישט ח"ו, זיינע אויגן זענען נישט אקעי".

עס איז אונז שלעכט געווארן אויפ'ן הארץ, מיין פרוי האט עס נישט געוואלט אקצעפטירן, זי האט נישט געקענט משלים זיין מיט וואס זי האט יעצט געהערט.

איך האב איר בארואיגט זאגנדיג אז זי זאל נישט זארגן, דער דאקטאר מיינט אבער מיר האבן א בעסערן דאקטאר אין הימל. מיר האבן געווארט א שטיק צייט, אין די תקופה האבן מיר איינגערוסן ווערטן, מען האט מתפלל געווען, און ברוך ה' אז ביי די קומענדיגע אונטערזוכונג האט דער דאקטאר זיך אנטשולדיגט זאגנדיג אז עס איז געווען א גרייזיגע דיאגנאז און אז דאס קינד זעט ברוך ה' אויףביידע אויגן און עס פעלט אים גארנישט ברוך ה'.

## די לעבן פון א באַטערי

אלץ א פאכמאן וואס געבט זיך אפ מיט'ן אינסטאלירן עלעקטערישע געציג, האט מען מיר איינגעלאדענט אז איך זאל קומען צו א געוויסע געביידע און דארט אינסטאלירן א געוויסע געציג וואס עס האט דארט געפעלט.

איך בין אנגעקומען אהין אין א פרייטאג, עס איז א שולע, אין די שולע לערנט מען נישט פרייטאג, אין די געביידע האבן זיך נאר געפינען טעליכע סעקרעטערן און רייניגער. איך בין אריין אינסטאלירן די עלעקטערישע געציג אין די צימער, איך האב געענדיגט די ארבעט און זיך געגרייט ארויסצוגיין, אבער אנשטאט אז איך זאל ארויסגיין פון דער וועג וואס איך בין אריין אין איר - בין איך ארויס בטעות פון א צווייטער וועג.

איך בין ארויס צו די צווייטע וועג און זיך געטראפן אין א פארשפארטער צימער אן קיין אויסוועג. די בעסטע זאך וואלט געווען אז כ'זאל צוריקגיין צו די וועג פון וואו איך בין געקומען, אבער יענער טיר האט מען נישט געקענט עפענען נאר פון אינדרויסן און אז עס איז קיינער נישט געווען וואס זאל עפענען די טיר בין איך געבליבן שטעקן דארט.

איך האב זיך פארבינדן מיט די סעקרעטער פון דער מוסד, אבער איר טעלעפאן איז געווען פארלאשן, איך וואלט געקענט ארומקלינגען צו נאך חברה, אבער מיין באטערי איז געווען כמעט ליידיג, עס האט געהאטע גענוג צו מאכן איין רוף.

איך האב אנגעקלינגען מיין פרוי און איר מיטגעטיילט מיט די מצב, איך האב נישט עספּעס צו פארענדיגן די שמועס, און מיין טעלעפאן האט זיך אפגעהאקט. איך האב נישט געוואוסט צי זי האט מצליח געווען צו פארשטיין וואס כ'רעד צי נישט, אבער עטליכע מינוט שפעטער ווען דער סעקרעטאר איז געקומען עפענען די טיר האב איך פארשטאנען אז זי האט געהערט וואס כ'זאג.

## א טעלעפאן קאלל פון דער דעוועלאפירער

עס איז געווען אין די זומער וואכן, מיינע קינדער זענען געווען אין קעמפ, איך האב אויסגענוצט די אפווזענהייט פון די קינדער צו מאכן א שטיקל רענאוואציע אין מיין דירה.

עס איז געווען א וויכטיגע רענאווירונג, מען האט עס דרינגענד געדארפט מאכן.

זוכנדיג א פאסיגע צייט ווען עס צו מאכן, איז מיר אויסגעקומען אז די בעסטע צייט וועט זיין אין די זומער וואכן ווען די קינדער זענען נישט אין שטוב. איך האב אויסגערעכנט אז אזא רענאווירונג דארף צו נעמען צוויי מאנאטן און נאכ'ן שליסן מיט א דעוועלאפירער האב איך זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

עס קען זיין אז אזא רענאוואציע וואלט נישט געדארפט נעמען מער ווי צוויי חדשים, אבער עס האט למעשה גענומען אסאך לענגער ווי איך האב זיך גערעכנט, און א וואך פאר די צייט ווען די קינדער האבן געדארפט אנקומען אין שטוב האט מען נאך געהאלטן היבש הינטערשטעליג.

איך האב פראבירט צו רעדן צו דער דעוועלאפירער, איך האב אים פראבירט אונטערצואיאגן, אבער עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן.

שטייענדיג א וואך פאר די קינדער האבן געדארפט אנקומען אין שטוב האבן מיינע נערוון אנגעהויבן צו פלאצן. איך האב גערעכנט אז אויב מ'פלייסט זיך צו די וואך וועט מען נאך קענען עספּיען, אבער דאס איז נאר בתנאי אז מ'ארבעט אויך זונטאג, א טאג ווען געוויינליך ארבעט מען נישט אין אמעריקע.

אין מיין קאפ איז ארומגעלאפן אלע מיני עצות און אויסוועגן וואס מען קען טון, איך האב געטראכט פון צוצאלן געלט, פון צוזאגן באנוסעס פאר די ארבעטער.

אזוי טראכטנדיג וואס צו טון, האב איך אריינגעבליקט אין חובת הלבבות שער הבטחון און עס האט זיך מיר געעפענט ביי די ווערטער: וכאשר יבטח באלקים ימצא מנוחת לבו ושלוות נפשו... ולא יקדים ולא יאחר מעתו הנגזר לו בו - אז ווען א מענטש פארלאזט זיך אויפ'ן בורא כל העולמים וועט ער האבן מנוחת הנפש און מנוחת הלב, און ער וועט נישט זוכן צו פעדערן אדער אפצושטופן זאכן פון איר צייט.

איך האב געלייענט די ווערטער: 'לא יקדים ולא יאחר מעתו' איינמאל און נאכאמאל, און זיך געשטארקט מיט אמונה. איך האב אוועקגעלייגט אין די זייט אלע פלענער וואס איך האב געהאט, און זיך געשטאטקט אין אמונה בשמו יתברך.

שטייענדיג אזוי און זיך שטארקנדיג, זעה איך מיטאמאל אויפ'ן סקרין דער טעלעפאן נומער פון דער בויער.

"איך האב באשלאסן אז כ'וויל געבן אן ענדיג צו די ארבעט, איך האב געמאכט א חשבון אז אויב די ארבעטער וועלן אריינקומען זונטאג צו די ארבעט וועט מען קענען ענדיגן אין צייט".

איך האב נישט געגלייבט וואס כ'הער, איך האב געזען בחוש די כח האמונה, ווי אזוי עס איז ממשיך די ישועה, אז עס איז געקומען שנעלער ווי כ'האב געמיינט און זיך געגרייט דערצו.

## דער כח פון א גוט ווארט

ברוך ה' אז עס איז מיר געבוירן געווארן אן אייניקל. די התרגשות איז געווען זייער גרויס, מיר האבן זיך געגרייט, די יולדת, מיין טאכטער איז געקומען צו מיר אין שטוב אויף קימפעט.

איין טאג, האט מיין איידעם מיר געבעטן אז ער וויל אראנדזשירן א מנין, ווי אסאך איידן פירן זיך, אז מ'מאכט א מנין און מען זאגט א ברכה.

מיין איידעם האט געברענגט א האלבע מנין און איך האב צוזאמען געקראצט נאך אפאר חברה פון די געגנט. מען האט געדאווענט מעריב און געטרינקען לחיים און זיך געגרייט אהיימצוגיין.

צומארגנס טרעף איך א שכן און באגייסטערטערהייט קומט ער צו מיר און זאגט מיר: "יישר כח דו אז דו האסט מיר נעכטן גערופן צו מעריב".

"א יישר כח? דיר קומט זיך א יישר כח, דו האסט זיך מטריח געווען און געקומען מיר העלפן".

"לאמיר דיר זאגן", זאגט מיר דער שכן.

"איך האב געהאט נעכטן א שווערע טאג, איך האב געהאט אסאך שוועריגקייטן, איך האב זיך געשפירט צוקלאפט און דערנידערט, אז איך

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

דער יעניגער טאג האט זיך אנגעהויבן מיט א לאנגע ליסטע פון אויפגאבן. איך האב געדארפט גיין צום שניידער און זיך טרעפן א נייער אנצוג, איך האב געדארפט אניאגן אן אפוינטמענט ביים ציין דאקטאר, אפצונעמען מיינע קינדער פון די קינדערגארטן און מאכן אביסל שטוב שאפינג, אבער אלעס איז געגאנגען מיט'ן פיטום אראפ, נאך א האלבע שעה אנמעסטן קליידער בין איך ארויס פון די געשעפט מיט ליידיגע הענט, די ציין דאקטאר האט געשפעטיגט, איך האב פארשפעטיגט צונעמען מיינע קינדער פון קינדערגארטן און אויך ביים איינקויפן האט מיר דער מזל געשפילט, איך האב נישט געהאט גענוג געלט איינצוקויפן אין געשעפט. אין די געוועגליכע יארן וואלט איך אהיימגעקומען נאך אזא טאג דערביטערט, אבער נאך דעם וואס איך הער אויס די שיעורים אויפ'ן האטליניע, האב איך מצדיק געווען אויף מיר דער דין גלייבנדיג אז אלעס פירט זיך צום גוטענס פון אויבן. איך וויל דא אויסדרוקן מיין דאנק איבער די ליכטיגקייט וואס איר געבט אריין אין מיין לעבן, איך דאנק אייך זייער און ווינטש אייך הצלחה אויף ווייטער.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

פאר לאנגע חדשים בין איך געווען זייער אנגעווייטאגט. איך האב געזוכט אן ארבעטס פּאסטן אבער איך האב נישט געטראפן איינס. אויך ווען איך בין געלאַדענט געווארן אויף א דזשאב אינטערוויו האט זיך עס געענדיגט מיט אנטוישונג, מען האט מיר קיינמאל נישט צוריקגערופן צו די ארבעט. איך האב פראבירט צו נוצן מיינע קאנעקשענס, איך האב געפרעגט ביי מיינע באקאנטע, אבער איך האב נישט געקענט טרעפן קיין דזשאב. איך בין כמעט אריינגעפאלן אין דיפרעסיע פון דעם, אבער דאן, א רגע איידער איך בין געווארן איינגעזינקען אין די ימ'ען פון יאוש, האב איך באשלאסן אז כ'גיי זיך אונטערנעמען צו געבן געלט פאר די מכון פון השגחה פרטית. איך האב אזוי געטון, און דאס אומגלויבליכע האט פאסירט. נאך אין דעם זעלבן טאג ווען די גליון איז ארויסגעקומען און כ'האב עס אנגעהויבן אויסגעטיילט אין מיין געגענט האט מיין טעלעפאן געטרייסלט, איך האב באקומען א פאזיטיווע תשובה, מען האט מיר איינגעמאלדן אז איך בין געווארן אנגענומען צו א דזשאב. עס איז געווען א גוטער דזשאב, די געהאלט און אויך די באדינגען זענען געווען אויסטערליש גוט, הודו לה' כי טוב, גייט אן מיט ענקערע עבודת הקי' און זייט מרבה כבוד שמים.

בין גארנישט ווערד, אז קיין איינער דארף מיר נישט, אבער דאן, אין די שוואכסטע מינוטן, האסטו מיר געגעבן א קאלל אריין. דו האסט מיר ממש אויפגעלעבט, דו ווייסט נישט וואס דו האסט מיר געמאכט".

איך האב געמיינט אז ער טוט מיר א טובה, אבער איך האב אים געטון א טובה, איך האב זיך געלערנט פון דעם די וויכטיגקייט פון זאגן א גוט ווארט פאר א צווייטן איד, מען קען קיינמאל נישט וויסן ווי וויכטיג און ווי קריטיש עס איז.

## פאלעריי אויפ'ן ערד

ווען איך האב אנגעהויבן באמערקן נאסקייט ביי מיר אין שטוב, האב איך מורא באקומען אז ערגעצוואו אין די געביידע איז דא א ליעק.
העכער מיר וואוינט אן עלטערע פרוי, זי איז נישט קיין פרומע, אבער זי איז נישט קיין שלעכטע פרוי, מען איז זיך אייביג אויסגעקומען מיט איר.
זייענדיג ביי איר אין שטוב צוליב די נאסקייט, האבן מיר באמערקט אז זי האלט אין איין פאלן אויף די ערד. זי איז שוין געווען אן עלטערע פרוי, אין די עלטער טרעפט זיך אז מען פאלט אראפ, אבער אירע נאכאנאנדע פאלעריי האט געצויגן אויפמערקזאמקייט.
מיר, די שכנים, פלעגן איר העלפן, מיר האבן אויך אלארמירט איר זון וועלכער וואוינט אין אויסלאנד דערציילנדיג איבער וואס עס טוט זיך מיט זיין מאמע. דער זון, א געטרייער, איז געקומען צו פארן צו זען וואס עס גייט פָאר מיט זיין מאמע.
זייענדיג דארט האב איך אים מעורר געווען אז אפשר וואלט געווען א ראטזאמע זאך אז מ'זאל בודק זיין די מזוזה. שוין א שטיק צייט האט די מזוזה דערוועקט מיינע חשדות. עס איז געווען אלט, קליין, איך האב מורא געהאט אז עס איז בכלל נישט כשר.
דער זון האט מסכים געווען. מען האט איבערגעקוקט די מזוזה און וואונדער, מען האט געטראפן אז עס איז פסול און די ווערטער 'על הארץ' האט געפעלט.
מען האט געלייגט א נייע מזוזה און אלעס איז וואונדערליך אוועק, זי האט אויפגעהערט פאלן און אויך די נאסקייט איז פארשווינדן געווארן ווי עס וואלט קיינמאל נישט געווען דארט.
עס איז געווען א סיגנאל פון הימל אז זי דארף א שמירה עליונה וואס זאל איר אפהיטן.

## א תפילה מיט א ישועה

עס דערציילט א צפת'ער איד: די מעשה וואס איך גיי היינט מיטטיילן איז נישט א באמבאסטישע מעשה, אבער עס געבט ארויס די כח התפילה, די ישועה וואס מען זעט, אויך אויף קלייניגקייטן.
מעשה שהיה אז איין טאג האב איך אנגעהויבן שפירן א שווערע ריח אין מיין קאך. עס איז א צפת'יער קאך, די דירה איז נישט יונג, אבער עס איז נישט געווען קיין שום סיבה אז עס זאל האבן אזא שמעק. די גערוך איז געווען אומבא'טעמ'ט, איך האב געוואלט לויז ווערן פון איר פאר יעדן פרייז אין די וועלט.
וואס טוט א איד אין אזא צייט? איך האב זיך געשטעלט דאווענען און מתפלל געווען צום בורא עולם ער זאל מיר העלפן מיט דעם, איך האב געבעטן אז דער בורא כח העולמים וואס איז דער בורא מיני בשמים, זאל מיר שיקן א ישועה. איך האב אויך געגעבן צדקה אז הקב"ה זאל מיר העלפן מיט די ישועה.
נאכ'ן מתפלל זיין און געבן צדקה, האב איך זיך פארבינדן מיט איינער וואס געבט זיך אפ מיט די זאכן. דער איד האט מיר גע'עצה'ט איבערצוקוקן די רערן וואס פירן די וואסער צום שטוב און נעמען ארויס די אומריינע וואסער. איך האב אים געפאלגט און נאכ'ן אונטערזוכן די רערן האב איך געטוישט די רערן אין שטוב און די שמעק איז אוועק.
עס האט געהאלפן אפאר טעג, אבער דאן האט זיך די ריח רע צוריקגעקערט, איך האב נאך אמאל מתפלל געווען און געהאפט אויפ'ן בעסטן. אזוי טראכטנדיג וואס איך קען טון, איז מיר איינגעפאלן אנצורופן אן עקספערט אין די געביט, איך האב זיך פארבינדן מיט יענעם.
דער איד זאגט מיר אז ער איז גרייט אריבערצוקומען צו מיר אין שטוב און באקוקן די פראבלעם, אבער איידער ער טוט עס וויל ער אז איך זאל עפענען די קראן און עס לאזן רינען פאר א היבשע שטיק צייט, און זען וואס עס גייט געשען.
איך האב אזוי געטון, און ברוך ה' אז די שמעק איז אינגאנצן אוועק, אן איבערלאזנדיג א זכר צו וואס עס איז געווען.
די תפילה מיט די צדקה האבן געברענגט די ישועה.

ארויסקומענדיג און אפאטעמנדיג פון די סיטואציע, האב איך א זאג געגעבן פאר מיין פרוי, נאך א מזל אז די באטערי האט נאך געארבעט, ווען עס לעשט זיך אויס א מינוט פריער, בלייב איך דארט א גאנצן שבת.
"נישט אמת", האט זי מיר פאררעכטן.
"ווען דו וואלסט נישט געהאט קיין באטערי, וואלט דיר הקב"ה נישט געברענגט צו דעם ארט, ווייל הקב"ה האט געוואלט אז דו זאלסט זיין שבת אין שטוב".
מיט איר אמונה האט זי מיר מנצח געווען.

## די אוועקגעלייגטע פושקע פאר א בן תורה

עס דערציילט א בני ברק'ער אינגערמאן:
עס איז געווען פאראיאר פסח צייט, איך האב זיך געגרייט איינצורישן דעם שטוב אויף יום טוב פסח, הערנדיג אז אין די געגענט קומט פאר א ביליגע אויספארקויף וואו מען קען באקומען פראדוקטן פאר ביליג, האב איך זיך איינגעשריבן אין איר צו קענען באקומען פראדוקטן אויף ביליג.
נאכ'ן איינשרייבן און איינצאלן האב איך באקומען די באשטימטע צייט ווען איך דארף גיין אפנעמען די פראדוקטן. דער סדר ביי די סארט אויספארקויפונגען ארבעט אז מען קען אפנעמען די פראדוקטן נאר אין א באשטימטע שעה, מען דארף זיין דארט באצייטנס, ווייל אז מען איז נישט דארט באצייטנס קען זיך מאכן אז אסאך פון די פראדוקטן וועלן שפעטער פעלן.
איך בין דארט געווען ביי די באשיטמטע צייט און זיך איינגעהאנדלט וואס כ'האב באשטעלט, און כ'בין אוועקגעגאנגען פון דארט. אוועקגייענדיג זעה איך אז איך האב בטעות גענומען איין זאך וואס כ'האב נישט באשטעלט, אנשטאט וואס כ'זאל נעמען וואס כ'האב יא באשטעלט.
ביז ווען איך האב עס באמערקט און זיך צוריקגעשלעפט אהין, איז שוין געווען נאך ניין אזייגער. די אפיציעלע צייט פון די אויספארקויפונג איז שוין געווען געענדיגט. וויסנדיג אז עס מאכט זיך אסאך מאל אז עס בלייבט זאכן בין איך אהין געגאנגען האפענענדיג אז איך וועל נאך טרעפן צו טוישן מיין פראדוקט מיט די פראדוקט וואס איך האב באשטעלט פאר מיר. איך בין אנגעקומען אהין, איך האב אראפגעלייגט די פראדוקט וואס איך האב גענומען און עס געטוישט מיט אן אנדערע. ווי נאר איך לייג אראפ דער פראדוקט, באמערק איך ווי א יונגערמאן נעמט עס גלייך.
עס האט אויסגעזען ווי דער יונגערמאן איז אנגעקומען די רגע. איך האב זיך געוואונדערט וואס גייט דא פאר, און פארוואס איז ער יעצט געקומען נאך די אפיצילע צייט ווען די אויספארקויף איז פארגעקומען.
מיט א שאלה'דיגע לשון האב איך אים א פרעג געגעבן פארוואס קומט ער ערשט יעצט?
"איך וועל דיר זאגן דעם אמת", האט ער מיר געגעבן א וואונדערליכע תשובה.
"איך האב א קביעות'דיגע חברותא מיט וועמען איך לערן ביז ניין אזייגער ביינאכט. איידער מיר האבן זיך געזעצט לערנען האב איך זיך גע'ספק'עט וואס גיי איך דא טון, איך ווייס דאך, אז עס איז דא אן אויספארקויף און איך קען עס נישט פארפאסן, אבער איך האב באשלאסן אז איך גיי זיך האלטן שטארק, איך גיי נישט צושטערן מיין לערנען, וואס עס וועט זיין באשערט פאר מיר וועט אנקומען".
"ברוך ה' אז איך האב אלעס געטראפן, עס האט מיר נאר געפעלט די איינע זאך וואס דו האסט דא אוועקגעלייגט".
ערשט יעצט האב איך זיך געכאפט ווי אזוי די השגחה העליונה האט געפירט אז כ'זאל בטעות נעמען א גרייזיגע פראדוקט, עס האט זיך אזוי געפירט, נאר אז איך זאל קענען שפעטער קענען צושטעלן פאר דעם יונגערמאן די פעלנדע פראדוקט.
פון הימל האט מען זיך געזארגט אז פאר דעם בן תורה זאל גארנישט פעלן, ווייל פון לערנען תורה דערלייגט מען נישט.


טייערע לייענער
לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די א' מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט
פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6
**העברה לבנק לאומי** בנק 10 |סניף 902 | חשבון 57390056
**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים
**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
השגחה פרטית בספרים הקדושים

## ווי מער מען טוט - אלץ מער איז מען מקבל רחמים

וזה פשוט, כי הקדוש ברוך הוא מודד מידה כנגד מידה, ומי שמרחם ועושה חסד עם הבריות, גם הוא בדינו ירחמוהו וימחלו לו עוונותיו בחסד, שהרי מחילה זו דין הוא, כיוון שהיא מידה כנגד מידתו, והוא מה שאמרו זכרונם לברכה (ראש השנה יז.; מגילה כח.): למי נושא עוון? - למי שעובר על פשע. ומי שאינו רוצה להעביר על מידותיו, או אינו רוצה לגמול חסד, הנה הדין נותן שגם עמו לא יעשו אלא שורת הדין. ראה עתה מי הוא זה ואיזה הוא שיוכל לעמוד אם הקדוש ברוך הוא עושה עמו שורת הדין?! ודוד המלך מתפלל ואומר (תהלים קמג, ב): "ואל תבוא במשפט את עבדך כי לא יצדק לפניך כל חי". אמנם, העושה חסד - יקבל חסד, וככל מה שירבה לעשות - כך ירבה לקבל, ודוד היה מתפלל במידתו זאת הטובה שאפילו לשונאיו היה משתדל להיטיב, זהו מה שכתוב (שם לה, יג): "ואני בחלותם לבושי שק עניתי בצום נפשי", ואמר (שם ז, ה): "אם גמלתי שולמי רע וגו'".

(מסילת ישרים פרק י"ט)

### המרחם על הבריות

**תניא ר' גמליאל ברבי אומר: עס שטייט אין פסוק (דברים יג, יח) "ונתן לך רחמים, ורחמך והרבך". כל המרחם על הבריות - מרחמין עליו מן השמים, וכל שאינו מרחם על הבריות - אין מרחמין עליו מן השמים.**

(מסכת שבת דף קנא ע"ב)

## די גאנצע וועלט איז א קומה שלימה

הבלתי מרחם [על הבריות], אומר בעצמו: 'מה לי לרחם על גוף נפרד ממני'. אותו המענה והמאמר יענו לו מן השמים - כי האדם הוא גוף נפרד מהעליונים, ודבר אין להם עם האדם. לא כן אם ירחם על הבריות, באמרו: 'את צעקת העני שמעתי, כי ידעתי את מכאוביו', כי כל העולם כולו הוא קומה שלמה, וכל בריה ובריה הוא חלק מחלקיו ומשלימו. לעומת זה מרחמין עליו מן השמים, ואומרים: 'צעקתו שמעתי גו', כי ידעתי את מכאוביו, אך עצמי ובשרי הוא'.

(איי הים)

## אזוי ווי דער מענטש פירט זיך מיט אנדערע - פירט מען זיך מיט אים

כמו שנותן האיש הישראלי צדקה לעני ומתלבש את עצמו במידת החסד ומתחסד עם העני, כן גורם שה' יתברך מתלבש את עצמו במידת החסד ומשפיע בחסדו לכל העולמות, לכל השרפים ולכל אופני הקודש, לכל העולמות ולכל הנשמות ולכל ההיכלות, שפע רב וששון ושמחה לכל העולמות ולעולם התחתון, כמו שאמרו חז"ל: 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'. וכמו שישראל מנהיגין את עצמם בעולם הזה, כן מעוררין המידות למעלה, אם עושין חסד עם חבריהם ורחמנות עם חבריהם, ככה מעוררים חסדים ורחמים למעלה מעלה על כל העולמות. וזהו שאמרו בגמרא 'ישראל מוסיפין כח בפמליא של מעלה', וכמו שאמר בוצינא קדישא מהור"ר ישראל בעש"ט ממעזבוז, וכן הוא במדרש: "ה' צלך" - מה הצל, כמו שאדם עושה כך הצל עושה, כן כביכול כמו שאדם מנהיג את עצמו כן כביכול מנהיג את כל העולמות ואת האדם העושה, באלו המידות: אם בחסד וברחמים ובששון ושמחה לתורה ולמצוות - כן הש"י מנהיג את כל העולמות ואת האדם העושה, ששון ושמחה, חסד ורחמים. ואשרי העובד את הבורא ברוך הוא וגורם בצדקה שנותן ובחסד שמתחסד עם העני ובשמחה שמשמח את העני ואשתו ובניו, כן הוא גורם ששון ושמחה חסד ורחמים לכל העולמות ריבוא רבבות עולמות עד אין קץ.

(קדושת לוי לפורים)

## אן עצה געראטעוועט צו ווערן פון שווערע צרות

והנה עתה, שמידת הדין גברה מאוד על העולם, ואין שום עצה להינצל מידי צרות המתחדשות יום ויום, מה מאוד יש להתחזק במידת החסד, כדי שעל ידי זה יתעורר מידת החסד העליונה, ויקוים עלינו מה שאמר הכתוב (הושע ב, כא): "וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים". ואמרו חז"ל שאומר הקדוש ברוך הוא: ומה אלו, שהן בעצמן צריכין חסד, עושין חסד אלו עם אלו - אני, שאני מלא חסד ורחמים, על אחת כמה וכמה שאני צריך לגמול חסד עם בריותיי.

(אהבת חסד ח"ב פ"ה)

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## די עבודה פון די ימי הפורים: דורש טוב לעמו!

אין דעם הייליגן יום טוב פורים זענען מיר זוכה מקיים צו זיין די מצוה פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, די אלע מצוות זענען מרבה אהבה ואחוה ורעות ביים כלל ישראל, עס ברענגט דעם מענטש נענטער צו די הייליגע מידה פון מרדכי הצדיק, צו זיין א דורש טוב לעמו.

די מדריגה פון 'דורש טוב' איז א גרויסע און א הייליגע דרגה, אז מען זאל אנקומען צו איר, פאדערט זיך אסאך הארעוואניע און יגיעה, ווייל עס איז גאר א הויכע און א הייליגע דרגה.

דער פונדאמענט אויף וואס דער דורש טוב לעמו שטייט איז די גוטע מידה פון 'עין טובה' - נאר ווער עס איז אויסגעארבעט אין די מידה פון 'עין טובה' קען זען גוטס ביי א צווייטן און דערגרייכן די הויכע דרגה פון זיין א 'דורש טוב לעמו'.

אבער ווי אזוי קומט מען אן צו די גוטע מידה פון עין טובה? די תשובה דערצו ליגט אין דער שורש הנפש פון דעם מענטש אליין, ווי אזוי ער קוקט זיך אליין אן.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין און באטראכטן די מענטשן וואס פסל'נען יעדן איינעם וועט מען זען אז זיי אליין זענען פארביטערט אויף זיך אליין. אז דער מענטש וויל אנקומען צו זיין אן 'עין טובה' כלפי אנדערע, זאל ער ערשט קוקן אויף זיך אליין מיט א גוט אויג, ער זאל זיך אליין דן זיין לכף זכות, ער זאל זיך אליין פארגעבן אויף זיינע דורכפעלער און אזוי ארום וועט ער קענען זען גוטס ביי אנדערע אידן.

דער עין רעה כלפי זיך און כלפי אנדערע איז א מידה פון די עמלקים, מען האט עס געזען ביי המן, ער האט קיינעם נישט פארגינט, דאגעגן ביי מרדכי הצדיק, ביי אסתר המלכה, איז געווען די מידה פון עין טובה, א דורש טוב לעמו, א פארגינער, א איד וואס פרייט זיך מיט די הצלחה פון אנדערע, וואס זוכט עס זאל זיין גוט פאר אן אנדערע איד.

דאס איז אונזער תקפיד אין דעם יום טוב פורים. אין אזא טאג דארף מען זוכן צו פארשטערקערן די עין טובה כלפי אנדערע אידן, אז מען וועט זיך פירן אזוי פורים - וועט מען זוכה זיין, אז דאס וועט ממשיך זיין א גאנץ יאר, ביי אונז אלע.



# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די**
**גליקליכע - מאך**
**דעם טעלעפאן**
**קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
בא'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633